נשא - שבועות תשפ"ג
גליון 142

# דעם רבינ'ס ליכט



אַייעֶרע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מודִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיך גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

### אַ גוט שַׁבָּת און יוֹם טוֹב פַאר אַלֶע אִידְן

מִיר שְׁטֵייעֶן שׁוֹין זֵייעֶר נָאנְט צוּם הֵיילִיגְן גְרוֹיסְן טָאג יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, זְמַן מַתַּן תּוֹרָתֵנוּ הַקְ', דִי תּוֹרָה אִיז אוּנְזֶער לֶעבְּן אוּנְזֶער חִיּוּת, אַזוֹי וִוי מֶען זָאגְט יֶעדְן טָאג אִין בִּרְכַּת אַהֲבַת עוֹלָם "וְנִשְׂמַח בְּדִבְרֵי תַּלְמוּד תּוֹרָתֶיךָ וּבְמִצְוֹתֶיךָ לְעוֹלָם וָעֶד, כִּי הֵם חַיֵּינוּ.."

קִינְדֶער, וֶוען דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וִויל אוּנְז הַיינְט גֶעבְּן דִי תּוֹרָה וָואסְפַארַא פְּלַאץ וָואלְט גֶעוֶוען אַ פַּאסִיגֶע און אַ רִיכְטִיגֶע מָקוֹם דֶערְפַאר? לִכְאוֹרָה אִין עֶפֶּעס גָאר אַ הֵיילִיגֶע פְּלַאץ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל א.ד.ג. אִיז פַארְוָואס טַאקֶע הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה אִין חוּץ לָאָרֶץ אִין אַ פּוּסְטֶער לֵיידִיגֶער פְּלַאץ פוּל מִיט קְלִפּוֹת און מַזִיקִים וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט: "מָקוֹם נָחָשׁ שָׂרָף וְעַקְרָב".

דֶער תִּירוּץ עֶנְטְפֶערְט אוּנְז ר' נָתָן אִין לִקוּטֵי הֲלָכוֹת (גביות חוב ג') און דָאס אִיז אַ עֶנְטְפֶער פַאר יֶעדְן אֵיינְצִיגְן אִיד. פַאר אַ אִיד וָואס וִויל זוֹכֶה צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה, יֶעדֶער לוֹיט זַיין דַּרְגָּה, לְמָשָׁל, וֶוען אַ אִינְגְל גֵייט אַרוֹיף אַ נַייֶע כִּתָּה, אָדֶער אַ בָּחוּר נֶעמְט זִיךְ צוּם לֶערְנֶען, אֵיינֶער שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט אֱמוּנָה, אָדֶער עֶר נֶעמְט זִיךְ פָאר צוּ שְׁטַארְקְן מִיט גוּטֶע מִדּוֹת א.ד.ג. דֶעמָאלְטְס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיפְן מֶענְטְשׁ אַ מִדְבָּר - סְפֵיקוֹת מִיט בִּלְבּוּלִים, אַלֶע סָארְטְן מְנִיעוֹת און תַּאֲווֹת מִיט טִרְדוֹת א.א.וו.

אָבֶּער וֶוען דֶער אִיד הַאלְט זִיךְ פֶּעסְט אָן יֵאוּשׁ און לוֹיפְט צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן און צוּ דִי קְדוּשָׁה, אִיז עֶר דֶעמָאלְטְס זוֹכֶה צוּ אַרוֹיפְגֵיין אַ דַּרְגָּה וָואס וֶוערְט גֶערוּפְן "קַבָּלַת הַתּוֹרָה", עֶר גֵייט טַאקֶע אַרִיבֶּער נִסְיוֹנוֹת אַזוֹי וִוי אִין אַ מִדְבָּר עֶס אִיז פּוּסְט טְרִיקְן אָן קַיין שָׁאטְן, קַיין טְרָאפְּל וַואסֶער גֶעפִינְט מֶען נִישְׁט דָארְט, אָבֶּער אַז דֶער מֶענְטְשׁ הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק בַּאקוּמְט עֶר אַ נַייֶע תּוֹרָה.

וִויאַזוֹי קֶען מֶען טַאקֶע אִין אַזֶעלְכֶע אוּמְשְׁטֶענְדְן שְׁטֵיין אַזוֹי פֶּעסְט קֶעגְן דֶעם אָפֶּעגֶעם מוֹיל פוּנֶעם ס"ם? נָאר מִיט תְּפִלָּה און מִיט דִי וואוּנְדֶערְלִיכֶע עֵצָה פוּן זוֹכְן נְקוּדוֹת טוֹבוֹת, אַ אִידִישׁ קִינְד דַארְף זִיךְ מְחַיֶּה זַיין און לוּסְטִיג זַיין אַז מִיר זֶענֶען אוֹיסְגֶעוֶועלְט גֶעוָוארְן צוּ זַיין דֶער בַּאלִיבְּטֶער בֵּן יָחִיד פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן! אִיךְ בִּין אַ בֶּן מֶלֶךְ, אַ קְלֵיינִיגְקֵייט?

דֶערְפַאר פִּירְט מֶען זִיךְ טַאקֶע בַּיי אוּנְז צוּ טַאנְצְן שָׁבוּעוֹת בַּיינַאכְט צְווִישְׁן אֵיין תִּיקוּן און צְוֵוייטְן, אַזוֹי וִוי רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער זַצַ"ל פַארְצֵיילְט אַז אִין אוּמַאן פְּלֶעגְט אַ חֵלֶק עוֹלָם זָאגְן דֶעם תִּיקוּן און דֶער אַנְדֶערֶער עוֹלָם אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין אַ טֶענְצְל, דֶערְנָאךְ הָאט מֶען זִיךְ גֶעבִּיטְן!

אַוַודַאי נִישְׁט פַארְגֶעסְן צוּ זָאגְן תְּהִלִּים אִין דֶעם טָאג וֶוען עֶס פַאלְט אוֹיס דִי יָארְצַייט פוּן דָּוִד הַמֶּלֶךְ דֶער נְעִים זְמִירוֹת יִשְׂרָאֵל. דֶער תְּהִלִּים אִיז גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן פוּן זַיינֶע הִתְבּוֹדְדוּת וֶוען עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעגָאסְן זַיין הַארְץ צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאל קֶענֶען מְקַיֵּים זַיין דִי

המשך קומענדיגע זייט



# דער ריינער קוואל

המשך פון זייט 1

הֵיילִיגֶע תּוֹרָה און נִצָּל וֶוערְן פוּן אַלֶע זַיינֶע שׂוֹנְאִים – דֶער יֵצֶר הָרַע מיט זַיינֶע חֲיָלוֹת.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אַז סֵפֶר תְּהִלִּים איז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל פַאר יֶעדְן אֵיינְצִיגְן אִיד בִּפְרָט, יֶעדֶער מיט זַיינֶע פְּרִיוָואטֶע מִלְחֶמֶת הַיֵּצֶר און אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִים אִיבֶּער, 'הַכֹּל' - אַלֶעס איז מְבֹאָר און מְפֹרָשׁ אין תְּהִלִּים.

דֶער עִיקָר יְסוֹד פוּן אַלֶע עֵצוֹת וויאַזוֹי זִיךְ מְקָרֵב צוּ זַיין צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ איז נָאר דוּרְךְ זָאגְן תְּהִלִּים און אַנְדֶערֶע בַּקָּשׁוֹת און הִתְבּוֹדְדוּת, זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן און אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דָאס הַארְץ און זִיךְ בֶּעטְן בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מִיר מְקָרֵב זַיין צוּ אִים, נָאר אַזוֹי וֶועט מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ גֶעוִוינֶען דִי מִלְחָמָה, אַז מֶען וֶועט שְׁטֶענְדִיג זַיין שְׁטַארְק און פֶעסְט זִיךְ צוּ בֶּעטְן בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאל מִיר שֶׁענְקֶען זַיין גְנָאד, זָאל זַיין וָואס זָאל נָאר זַיין וֶועט מֶען זִיכֶער גֶעוִוינֶען דִי מִלְחָמָה, אַשְׁרֵי לוֹ! אַזוֹי הָאבְּן מִיר פַארְשְׁטַאנֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס רֵייד.

עֶס זֶענֶען טַאקֶע דָא אַסַאךְ גוּטֶע עֵצוֹת אין רֶבִּי'נְס סְפָרִים וויאַזוֹי נָאנְט צוּ וֶוערְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער רוֹב מָאל זֶענֶען דִי עֵצוֹת אַלֵיין זֵייעֶר שְׁוֶוער מְקַיֵּים צוּ זַיין, דֶערְפַאר איז דֶער עִיקָר דִי תְּפִלּוֹת און בַּקָּשׁוֹת צוּ רֶעדְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן וָואסֶערֶע דִּבּוּר עֶס קוּמְט נָאר אַרוֹיס, אֲפִילוּ אִיךְ בִּין נָאךְ זֵייעֶר וַוייט וֶועל אִיךְ ווייטֶער שְׁרֵייעֶן און זִיךְ בֶּעטְן בַּיים אִים, און צוּם סוֹף וֶועט דֶער בַּאשֶׁעפֶער זִיכֶער עֶנְטְפֶערְן און מִיר בְּרֶענְגֶען צוּם אֱמֶת בְּלִי סָפֵק,

אָבֶּער בְּרוּדֶער חֲזַק וֶאֱמַץ! אַזוֹי ווי חֲזַ"ל זָאגְן הָאף צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אוֹיב חַס וְחָלִילָה דַיין תְּפִלָּה איז נָאכְנִישְׁט אָנְגֶענוּמֶען, חֲזוֹר וְקַוֵּה וְכֵן לְעוֹלָם - הָאף און בֶּעט נָאכְאַמָאל, בִּיז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אַרָאפְּקוּקְן און דִיר הֶעלְפְן.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז מִיר זָאלְן בַּאקוּמֶען דִי תּוֹרָה פוּן דָאסְנֵיי, מיט אַ חֵשֶׁק און פְּרִישְׁקֵייט זִיךְ שְׁטַארְקְן מיט דִי שִׁיעוּרִים און לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה מיט דִי עֵצוֹת וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן מיט זַיין גְרוֹיס רַחֲמָנוּת, אַזוֹי אוֹיךְ זִיךְ שְׁטַארְקְן מיט זָאגְן תְּהִלִּים און מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְאוּלָּה הַשְּׁלֵמָה בב"א.



## דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה:

עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען צְוֵויי קְלֵיינֶע קִינְדֶער וֶועלְכֶע הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק לִיבּ גֶעהַאט, בִּיז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט לֶעבְּן אֵיינֶער אָן דֶעם צְוֵוייטְן.

אֵיינְמָאל איז אֵיין אִינְגְל גֶעוָוארְן קְרַאנְק ל"ע, און זַיין חָבֵר איז גֶעוָוארְן זֵייעֶר פַארְוֵוייטָאגְט. הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט: "וָואס קֶען אִיךְ טוּן מַיין חָבֵר זָאל וֶוערְן גֶעזוּנְט?", הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "זָאג תְּהִלִּים"!

עֶר הָאט טַאקֶע אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן תְּהִלִּים מיט תְּמִימוּת, יֶעדֶעס מָאל וֶוען עֶר הָאט שׁוֹין גֶעזָאגְט אַפָּאר קַאפִּיטְלֶעך, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט פוּן זַיין חָבֵר: "דוּ פִילְסְט שׁוֹין בֶּעסֶער?" אַזוֹי הָאט עֶר גֶעטוּן אַפָּאר מָאל.

וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעזָאגְט: אַז דֶער חָבֵר איז נָאכְאַלְץ קְרַאנְק. הָאט עֶר ווידֶער גֶעזָאגְט תְּהִלִּים, בִּיז דֶער חָבֵר הָאט גֶעהַאט אַ רְפוּאָה שְׁלֵמָה.

דָאס הָאט דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט, אוּנְז צוּ לֶערְנֶען דִי וֶועג פוּן דַאוֶונֶען בִּתְמִימוּת. מִיר דַארְפְן דַאוֶונֶען און מִתְפַּלֵּל זַיין בִּתְמִימוּת, און גְלֵייבְּן אַז יֶעדֶע תְּפִלָּה איז מַמְתִּיק דִי דִינִים, בִּיז אַלֶע דִינִים וֶועלְן וֶוערְן נִמְתָּק בִּשְׁלֵמוּת.

# איין מעשה'לע



*דער באשעפער באווייזט וואונדער*
*פאר זיינע ליבע קינדער*

## הַעֲבֵר עֵינַי מֵרְאוֹת שָׁוְא

אוּנְזֶער חֵדֶר הָאט זִיךְ גֶעגְרֵייט אַרוֹיסְצוּפָארְן אוֹיף אַ נְסִיעָה, דֶער מַשְׁגִּיחַ הָאט אוּנְז פַאר דֶעם אָנְגֶעזָאגְט אַז אוֹיב מֶען וֶועט אָנְקוּמֶען צוּ אַ פְּלַאץ וואוּ עֶס וֶועט זַייט נִישְׁט פַּאסִיג פַאר אוּנְז, מֶען וֶועט נִישְׁט קֶענֶען הָאבְּן דָארְט שְׁמִירַת עֵינַיִם, וֶועט מֶען זִיךְ גְלַייךְ אוֹיסְדְרֵייעֶן אוּן אַוֶועקְפָארְן, אֲפִילוּ מִיר הָאבְּן שׁוֹין אַיינְגֶעצָאלְט דָאס גֶעלְט פוּן פָארְאוֹיס.

מִיר הָאבְּן צוּזַאמֶען מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען בַּיים קֶבֶר פוּן חוֹנִי הַמְּעַגֵּל אַז מִיר זָאלְן קֶענֶען הִיטְן דִי אוֹיגְן אוּן נִישְׁט וֶוערְן אִיבֶּערְגֶענוּמֶען אַז מֶען הָאט שׁוֹין אַיינְגֶעצָאלְט גֶעלְט, אָדֶער אַז מֶען דַארְף פָארְן אַזוֹיפִיל שָׁעָה'ן אוּן נִישְׁט דֶערְגְרֵייכְן דֶעם צִיל.

אִינְמִיטְן וֶועג הָאט זִיךְ דֶער בָּאס אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אוּן מֶען הָאט גֶעזִינְגֶען נִגּוּנִים וֶועגְן שְׁמִירַת עֵינַיִם ווִי, 'הַעֲבֵר עֵינַי מֵרְאוֹת שָׁוְא' אוּן נָאךְ. מֶען הָאט קְלָאר גֶעקֶענְט אָנְזֶען אַז בְּרֶסְלֶב'ע חֲסִידִים לֶעבְּן אִין אַן אַנְדֶערֶע סָארְט וֶועלְט, מֶען וויל טַאקֶע זִיךְ אוֹיסְטְשׁוּכֶען אָבֶּער אִין דֶער זֶעלְבֶּער צַייט וֶועלְן מִיר נִישְׁט אָפְּטְרֶעטְן פוּנֶעם שֻׁלְחָן עָרוּךְ.

ווִי נָאר מִיר זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּם דָאזִיגְן וַואסֶער, הָאט דֶער מַשְׁגִּיחַ גֶעזֶען אַז דָאס פְּלַאץ אִיז נִישְׁט גֶעאֵייגְנְט, מִיר זֶענֶען שׁוֹין גֶעוֶוען גְרֵייט אַרֵיינְצוּטַאנְצְן אִין וַואסֶער, אָבֶער אַלֶע הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּרִיק אוֹיף דִי בָּאס, קֵיינֶער פוּן דִי קִינְדֶער הָאבְּן נִישְׁט גֶעזָאגְט קַיין פִּיפְּס אוּן נִישְׁט גֶעקְרִימְט מִיט דִי נָאז, נָאר גְלַייךְ גֶעפָאלְגְט, זִיךְ גְרֵייטְנְדִיג צוּ פָארְן צוּם קוּמֶענְדִיגְן אָרְט.

עֶס אִיז אַרִיבֶּער צְוָואנְצִיג מִינוּט וֶוען דֶער בַּעַל-הַבַּיִת פוּן דֶעם פְּלַאץ קְלִינְגְט אוּנְז פְרֶעגְן וואוּ מִיר זֶענֶען? דֶער מַשְׁגִּיחַ זָאגְט אִים: "מִיר זֶענֶען עֶרְלִיכֶע אִידְן, מִיר קֶענֶען נִישְׁט גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וָואס אִיז נִישְׁט צְנִיעוּת'דִיג, מִיר זֶענֶען מוֹחֵל דָאס גֶעלְט". אָקֶעי, עֶר זָאגְט פַארְן מַשְׁגִּיחַ אַז דָאס פְּלַאץ פַארְמַאכְט זִיךְ פִיר אַזֵייגֶער, דְרַיי מִינוּט נָאךְ פִיר זָאלְן מִיר אַלֶע קוּמֶען צוּ עֶפֶּעס אַ זַייטִיגְן טִיר וואוּ קֵיינֶער דְרֵייט זִיךְ נִישְׁט דָארְט, גֶעוֶוענְלִיךְ טָאר עֶר נִישְׁט אַרֵיינְלָאזְן קֵיינֶעם אַ מִינוּט נָאךְ פִיר, אָבֶער פַאר אוּנְז וֶועט עֶר דָאס יָא טוּן.



דֶער מַשְׁגִּיחַ אִיז גֶעשְׁטַאנֶען דָארְט אוּן גֶעגַאנְגֶען פָארְאוֹיס זֶען צוּ עֶס אִיז טַאקֶע אַזוֹי אוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען אַז דִי אוּמְגֶעווָאונְטְשֶׁענֶע הָאבְּן שׁוֹין פַארְלָאזְט דָאס פְּלַאץ, ס'אִיז נִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן קֵיינֶער דָארְט, זֶענֶען מִיר אַהִינְגֶעגַאנְגֶען אוּן זַייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת אוּן זִיכֶער בְּרוּחָנִיּוּת.

תְּפִלָּה, תְּפִלָּה אוּן נָאכְאַמָאל תְּפִלָּה, דָאס אִיז אַ לֶעבְּן מִיט אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין!




# עסן אדער לערנען?

פַאר צְווייִ הונְדֶערְט און זֶעכְצְן יָאר צוּרִיק פּוּרִים צַייט, אִיז דֶער רֶבִּי פְּלוּצְלִינְג אַוֶועק גֶעפָארְן פוּן שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב און גֶעפָארְן קַיין נָאוְורִיטְשׁ, קֵיינֶער ווייסְט נִישְׁט פְּשַׁט פַארְוָואס דֶער רֶבִּי פָארְט אַהִין. פַאר דִי דָאזִיגֶע נְסִיעָה הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "אוֹיבּ דִי וֶועלְט וָואלְט גֶעוואוּסְט דִי סִבָּה צוּלִיבּ וָואס אִיךְ פָאר, וָואלְטְן זַיין גֶעקִישְׁט מַיינֶע פִּיס-טְרִיט. מִיט יֶעדֶע אֵיינְצִיגֶע טְרִיט בֵּייג אִיךְ אִיבֶּער דִי וֶועלְט צוּ כַּף-זְכוּת".

אוֹיפְן וֶועג הָאט דֶער רֶבִּי נִישְׁט גֶעוָואלְט נֶעמֶען קַיין גֶעלְט פוּן קֵיינֶעם. בַּיי דִי נְסִיעָה הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "מַיינֶע הֶענְט זֶענֶען פַארְשְׁמִירְט מִיט בְּלוּט, נָאכְדֶעם וָואס אִיךְ דַארְף רֵיינִיגְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער..." און דָאס אִיז גֶעוֶוען מְרוּמָז אִין זַיין נְסִיעָה אַהִין. פוּן דָארְט אִיז דֶער רֶבִּי גֶעפָארְן קַיין אוֹסְטְרָאה און גֶערוּפְן עֶטְלִיכֶע מֶענְטְשְׁן ווייל דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט בְּרֶענְגֶען זַיין רֶעבֶּיצִין צוּם דָאקְטָאר גָארְדֶען ווייל זִי אִיז לַיידֶער גֶעוֶוען זֵייעֶר קְרַאנְק.

וֶוען דִי רֶעבֶּיצִין אִיז גֶעקוּמֶען צוּ פָארְן אַהִין פַאר פֶּסַח הָאט זִי נִישְׁט גֶעוָואלְט נֶעמֶען קַיין שוּם הֵיילוּנְגֶען פוּן דֶעם דָאקְטָאר גָארְדֶען, זִי הָאט דַוְקָא גֶעוָואלְט פָארְן קַיין זַאסְלַאוו זִיךְ צוּ הֵיילְן בַּיי דִי אָרְטִיגֶע דָאקְטוֹירִים.

שְׁפֶּעטֶער אִיז דֶער רֶבִּי אוֹיךְ גֶעוֶוען אִין דִי שְׁטֶעט אוֹסְטְרָאה, דוּבְנָא, בְּרָאד וואו עֶר הָאט זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְט מֶען זָאל אִים נִישְׁט דֶערְקֶענֶען און ווִיסְן פוּן זַיין גְרוֹיסְקַייט. אֵיינֶער פוּן דִי תַּלְמִידִים וֶועלְכֶע הָאבְּן בַּאגְלֵייט דֶעם רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען ר' שְׁמוּאֵל טֶעפְּלִיקֶער, דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר גֶעהַאלְטְן פוּן אִים אוֹיף אַזוֹי ווייט אַז דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרִיקְט אוֹיף אִים אִין זַיין דַּרְגָה אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ "נִכְנַס וְיָצָא בְּשָׁלוֹם" (אַזַא אוֹיסְדְרִיק וָואס דִי גְמָרָא זָאגְט אוֹיף רֶבִּי עֲקִיבָא כְּשֶׁנִּכְנַס לַפַּרְדֵּס) טְרָאץ וָואס ר' שְׁמוּאֵל אִיז גֶעוֶוען גַאנְץ אַ פָּשׁוּטֶ'ער אִיד.

ר' שְׁמוּאֵל און נָאךְ אַ בַּאגְלֵייטֶער פוּן רֶבִּי'ן ר' אַיְיזִיק יוֹסֵף פוּן לִיפּוֹבִיץ הָאבְּן בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוואוּסְט וואו אַהִין עֶס פִירְן דִי טְרִיט פוּן רֶבִּי'ן. הַארְט פַארְן אַרוֹיסְפָארְן אוֹיפְן וֶועג, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעגֶעבְּן פַאר ר' שְׁמוּאֵל דְרֵייסִיג רֶענְדְלֶער [גָאר אַ שֵׁיינֶעם סְכוּם גֶעלְט] מִיט דֶעם סְכוּם הָאט עֶר גֶעקוֹיפְט אַ וָואגְן מִיט אַ פָּאר-פֶערְד און גֶעדִינְגֶען אַ בַּעַל עֲגָלָה וָואס זָאל זֵיי פִירְן

אוֹיף דֶעם אוּמְבַּאקַאנְטְן וֶועג. דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אָנְגֶעטוּוּן וִוי אַ סוֹחֵר אוּן בַּאפוֹילְן פַּאר זַיינֶע בַּאגְלֵייטֶער זָאלְן פַאר קֵיינֶעם נִישְׁט דֶערְצֵיילְן וֶוער עֶס אִיז דֶער אִיד וָואס פָּארְט מִיט זֵיי.

ר' שְׁמוּאֵל מִיט ר' אַייְזִיק יוֹסֵף הָאבְּן נִישְׁט גֶעווּאוּסְט וואוּ צוּ פָארְן, הָאבְּן זֵיי בַּיי יֶעדֶע וֶועג-שֵׁיידוּנְג גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן וואוּ אַהִין צוּ גֵיין, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעוִויזְן פוּנְקְט וואוּ מֶען זָאל פָארְן, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דִי גֶעטְרַייעֶ תַּלְמִידִים הָאבְּן גְלַייךְ אוֹיסְגֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'נְס בַּאפֶעל.

אֵיינְמָאל זַייעֶנְדִיג אִין אַ אִידִישֶׁע אַכְסַנְיָא אִינְמִיטְן וֶועג, אַרַיינְקוּמֶענְדִיג זֶעעֶן זֵיי דֶעם בַּעַל אַכְסַנְיָא הַאלְטְנְדִיג אַ צְוֵויי-יֶערִיג קִינְד, פְּלוּצְלִינְג צֵייגְט דָאס קִינְד אָן מִיט זַיין פִינְגֶער אוֹיפְן רֶבִּי'ן אוּן רוּפְט זִיךְ אָן: "אָט אִיז אַ גוּטֶער אִיד (אַ רֶבִּי)" ר' שְׁמוּאֵל הָאט זִיךְ זֵייעֶר פַארְוואוּנְדֶערְט וַוייל דֶער רֶבִּי אִיז גֶעגַאנְגֶען אָנְגֶעטוּוּן וִוי אַ גֶעוֶוענְלִיכֶער סוֹחֵר, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ אֶפְשָׁר מֵיינְט דָאס קִינְד גָאר אִים אַלֵיין, וַוייל ר' שְׁמוּאֵל הָאט גֶעהַאט אַ הַדְרַת-פָּנִים.

עֶר נֶעמְט אַרוֹיס אַ מַטְבֵּעַ פוּן טַאשׁ אוּן גִיבְּט דָאס קִינְד אוּן זָאגְט אִים: "אֱמֶת, אִיךְ בִּין דֶער רֶבִּי?"

"נֵיין" שָׁאקְלְט דָאס קִינְד מִיטְן זַיין קֶעפֶּעלֶע, אוּן וַוייזְט וִוידֶער מִיט זַיין פִינְגֶער אוֹיפְן רֶבִּי'ן: "עֶר אִיז דֶער רֶבִּי".

פָארְנְדִיג אִין וֶועג הָאט ר' שְׁמוּאֵל אַרוֹיסְגֶעבְּרֶענְגְט זַיין וואוּנְדֶער אוֹיף דִי רֵייד פוּנֶעם קִינְד, וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רוּפְט זִיךְ אָן: "וֶוער אִיז דֶען אַ מֵבִין אִין אַזֶעלְכֶע צַייטְן?".

עֶטְלִיכֶע טֶעג אִיז אַרִיבֶּער, וֶוען זֵיי זֶענֶען וִוידֶער אַרִיבֶּער דִי זֶעלְבֶּע אַכְסַנְיָא. ר' שְׁמוּאֵל בֶּעט פוּן דֶער בַּעַל עֲגָלָה זָאל זִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן. עֶר גֵייט אַרַיין אִין דֶער אַכְסַנְיָא נָאכְאַמָאל צוּ כַאפְּן אַ בְּלִיק אוֹיף דֶעם וואוּנְדֶער-קִינְד, צוּ זַיין בַּאדוֹיעֶרוּנְג הָאט עֶר לַיידֶער גֶעזֶען דֶעם טַאטְן זִיצְן שִׁבְעָה נָאכְן קִינְד.

שְׁפֶּעטֶער הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "אִין דֶעם וואוּנְדֶער-קִינְד אִיז גֶעוֶוען דִי נְשָׁמָה פוּן 'יְנוּקָא', עֶר הָאט גֶעווּיסְט גָאר גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת, דֶערִיבֶּער אִיז עֶר נִפְטָר גֶעוָוארְן אַזוֹי אִינְג".

נָאךְ אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע עִנְיָנִים אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְן וֶועג.

אֵיין נַאכְט וֶוען ר' שְׁמוּאֵל זַייעֶנְדִיג אוּנְטֶערְוֶועגְנְס הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ שְׁלָאפְן מִיטְן רֶבִּי'ן אִין אֵיין צִימֶער. אֵיין נַאכְט פְרֶעגְט אִים דֶער רֶבִּי: "הָאסְטוּ עֶפֶּעס גֶעהֶערְט דִי נַאכְט?"

"נֵיין, כְ'הָאבּ גָארְנִישְׁט גֶעהֶערְט", הָאט ר' שְׁמוּאֵל גֶעעֶנְטְפֶערְט "אָבֶער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט כַאפְּן דָאס שְׁלָאף אַ גַאנְצֶע נַאכְט".

"אֲפִילוּ דוּ הָאסְט נִישְׁט גֶעזֶען הָאט דַיין נְשָׁמָה גֶעזֶען" הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט. ר' שְׁמוּאֵל הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דִי דָאזִיגֶע נַאכְט אִיז נִתְגַּלָּה גֶעוָוארְן גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת פַארְן רֶבִּי'ן.

אַרײַנקומענדיג קיין בְּראַד, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעהֶערט דִי וויי-גֶעשְׁרֵייעֶן פוּן אַלֶע מֶענְטְשְׁן ווי זֵיי שְׁרֵייעֶן און זוּכְן נָאךְ גֶעלְט, דִי תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט הָאט אַרוֹיסְגֶעשְׁרִיגְן פוּן זֵיי.

דִי הַשְׁגָּחָה הָאט אַזוֹי גֶעפִירְט אַז דֶעם רֶבִּינְ'ס חָשׁוּבֶ'ע ווַייבּ אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן יֶענֶעם יָאר עֶרֶב שָׁבוּעוֹת און דִי תַּלְמִידִים אִין שְׁפִּיץ פוּן ר' נָתָן זֶענֶען גֶעקוּמֶען קֵיין זַאסְלַאווּ צוּם רֶבִּי'ן.



יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת אִינְדֶערְפְרִי בֵּיי דֶער סְעוּדָה הָאט דֶער רֶבִּי אַסַאךְ גֶעלֶערְנְט, ווִילַאנְג מֶען הָאט אַרֵיינְגֶעבְּרֶענְגְט דִי מַאֲכָלִים הָאט עֶר אִינְצְווִישְׁן גֶעלֶערְנְט - אוֹיךְ הָאט עֶר דֶעמָאלְטְס גֶעלֶערְנְט דִי אִדְרָא - וֶוען מֶען הָאט אִים צוּגֶעבְּרֶענְגְט דָאס עֶסְן הָאט עֶר אוֹיפְגֶעהֶערְט לֶערְנֶען און עֶפֶּעס טוֹעֵם גֶעוֶוען און גְלַייךְ צוּרִיק צוּם לֶערְנֶען, אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען צְווִישְׁן אֵיין מַאֲכָל און צְווֵייטְן. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעמֵיינְט אַז מֶען וֶועט שׁוֹין נִישְׁט בְּרֶענְגֶען נָאךְ מַאֲכָלִים אָבֶער דִי שְׁטוּבּ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן גֶעהַאלְטְן און אֵיין דֶערְלַאנְגֶען נָאךְ און נָאךְ, אָבֶער צְווִישְׁן אֵיין מַאֲכָל און דָאס צְווֵייטֶע הָאט דֶער רֶבִּי ווַייטֶער גֶעלֶערְנְט.

נָאכְן עֶנְדִיגְן דִי סְעוּדָה, הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "זֵיי דִינְגֶען זִיךְ מִיט מִיר, אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז מֶען וֶועט שׁוֹין מֶער נִישְׁט אַרֵיינְבְּרֶענְגֶען קֵיין עֶסְן, אָבֶער זֵיי בְּרֶענְגֶען ווִידֶער נָאךְ מַאֲכָלִים, זֵיי זֶענֶען זִיךְ מִתְוַכֵּחַ, ווַייל אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט אַז דִי סְעוּדָה זָאל זִיךְ עֶנְדִיגְן מִיטְן לֶערְנֶען, אָבֶער זֵיי ווִילְן גְרוֹיסֶע זַאכְן, אַז דִי סְעוּדָה זָאל זִיךְ עֶנְדִיגְן מִיט עֶסְן."

און דֶער רֶבִּי הָאט מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען: "עֶס אִיז פַארְהַאן פְּשׁוּטֶ'ע מֶענְטְשְׁן וָואס עֶסְן צוּ בַּאקוּמֶען כֹּחַ צוּ לֶערְנֶען, ווִידֶער אִיז פַארְהַאנֶען מֶער דֶערְהוֹיבֶּענֶע מֶענְטְשְׁן וֶועלְכֶע לֶערְנֶען זֵיי זָאלְן הָאבְּן שֵׂכֶל ווִיאַזוֹי צוּ עֶסְן. אִיךְ הָאבּ אָבֶער גֶעוָואלְט פְּשׁוּט אַז דִי סְעוּדָה זָאל זִיךְ עֶנְדִיגְן מִיט לֶערְנֶען וָואס דָאס אִיז אַ פְּשׁוּטֶ'ע עֲבוֹדָה מֶען עֶסְט און דֶערְנָאךְ לֶערְנְט מֶען - מֶען עֶסְט צוּ הָאבְּן כֹּחַ צוּ לֶערְנֶען, אָבֶער זֵיי הַאלְטְן גְרוֹיס זַאכְן פוּן מִיר און בְּרֶענְגֶען נָאךְ און נָאךְ עֶסְן כְּדֵי דִי סְעוּדָה זָאל זִיךְ עֶנְדִיגְן מִיט עֶסְן, וָואס דָאס אִיז אַסַאךְ אַ גְרֶעסֶערֶע עֲבוֹדָה אַז מֶען לֶערְנְט און נָאכְדֶעם עֶסְט מֶען - מֶען לֶערְנְט צוּ בַּאקוּמֶען דַּעַת און שֵׂכֶל ווִיאַזוֹי צוּ עֶסְן.

הדפסת הגליון נתנדב
ע"י ר' נחמן ברוך מרדכי פראנק לרגל הולדת
הבת למזל טוב
~ ~ ~
הגליון נתנדב להצלחת ר' שמואל בן חי' סאסיא
נחמן נתן בן מרים

# א שמועס מיט'ן זיידן



## א גוטער חבר

**זֵיידֶע** – זָאג מִיר בֶּערֶעלֶע, אִיךְ ווִיל דִיר פְּרֶעגְן, דוּ הָאסְט אַ גוּטֶער חָבֵר?

**בֶּערֶעלֶע** – אמ.. אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ חֲבֵרִים... אִיךְ חַבֵר זִיךְ מִיט אִינְגְלֶעך פוּן חֵדֶר, פוּן שׁוּל, אוֹיךְ צְווִישְׁן דִי שְׁכֵנִים אוּן מִשְׁפָּחָה, הָאבּ אִיךְ אַפָּאר חֲבֵרִים.

**זֵיידֶע** – אַזוֹי?! דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז אַ גוּטֶער חָבֵר אִיז זֵייעֶר אַ חָשׁוּבֶ'ע זַאךְ, אוֹיךְ ר' נָתָן רֶעדְט אַסַאךְ וֶועגְן דֶעם, מֶען זָאל יֶעדְן טָאג רֶעדְן מִיט אַ חָבֵר פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, רֶעדְן פוּנֶעם תַּכְלִית, פוּן עֲבוֹדַת ה', פוּן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן...

בֶּערֶעלֶע – אָבֶּער זֵיידִי, ווִי אַזוֹי גֶעפִינְט מֶען אַזַא חָבֵר? ווֶעלְכֶער אִינְגְל ווִיל רֶעדְן פוּן תַּכְלִית?

**זֵיידֶע** – קוּק אוֹיף מִיר בֶּערֶעלֶע, דוּ זֶעסְט אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַ ווַייסֶע בָּארְד... אַזוֹי אַז כְ'הָאבּ שׁוֹין מִיטְגֶעלֶעבְּט אַבִּיסְל זַאכְן אִין לֶעבְּן. אוֹיךְ אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ יָארְן גֶעזוּכְט אַ גוּטֶער חָבֵר צוּ רֶעדְן אִינְאֵיינֶעם פוּנֶעם תַּכְלִית, בִּיז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט זִיךְ דֶערְבַּארֶעמְט אוֹיף מִיר אוּן אִיךְ הָאבּ פַארְשְׁטַאנֶען אַז אֵיידֶער מֶען גֵייט פַארְבְּרֶענְגֶען דִי יָארְן צוּ זוּכְן דֶער גוּטֶער חָבֵר וָואס וֶועט רֶעדְן מִיט מִיר פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, דַארְף מֶען קוֹדֶם זֶען אַז אִיז זָאל זַיין אַ גוּטֶער חָבֵר! אִיךְ אַלֵיין זָאל זַיין עֶרְלִיךְ אוּן הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם, אִיךְ זָאל ווֶעלְן רֶעדְן מִיט יֶעדְן פוּנֶעם תַּכְלִית, אַנְשְׁטָאט צוּ ווַארְטְן יֶענֶער זָאל רֶעדְן צוּ מִיר, ווֶעל אִיךְ זַיין דֶער וָואס רֶעדְט מִיט אַנְדֶערְע אֱמֶתְ'ע רֵייד, רֵייד פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן, פוּן דֶעם הֵיילִיגְ'ן רֶבִּי'ן, אוּן אַזוֹי הָאבּ אִיךְ שׁוֹין גֶעטְרָאפְן אַסַאךְ זֵייעֶר גוּטֶע חֲבֵרִים...

**בֶּערֶעלֶע** – מֵיין טַאטֶע הָאט פּוּנְקְט גֶערֶעדְט שַׁבָּת ווֶעגְן דֶעם אַז "אֵין הַדָּבָר תָּלוּי אֶלָּא בִּי" יֶעדֶער דַארְף זֶען וָואס עֶר קֶען טוּהְן אוּן נִישְׁט ווַארְטְן אַז דִי יְשׁוּעָה זָאל קוּמֶען פוּן אַ צְווֵייטְן.

**זֵיידֶע** – פּוּנְקְט אַזוֹי! דֶער עִיקָר דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אוּנְז אָפְּהִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים, אַ נִישְׁט גוּטֶער חָבֵר קֶען אַזוֹי פַּארְפִירְן, עֶר קֶען אַוֶועקְנֶעמֶען אַ מֶענְטְשׁ פוּן בֵּיידֶע ווֶעלְטְן... דוּ קֶענְסְט דִי מַעֲשֶׂה ווִי אַזוֹי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזוּכְט אַ גוּטֶער חָבֵר?

**בֶּערֶעלֶע** – נֵיין, אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהֶערְט.

**זֵיידֶע** – דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ חֲתוּנָה הָאבְּן אִין טָאג פוּן זַיין בַּר מִצְוָה. עֶס ווֶערְט דֶערְצֵיילְט אַז פַּאר דִי חֻפָּה אִיז דֶער רֶבִּי גֶעגַאנְגֶען זוּכְן אַ גוּטֶער חָבֵר צוּ רֶעדְן מִיט אִים אִין עֲבוֹדַת ה', אָבֶּער אַזוֹי ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט הָאט עֶר מוֹרָא גֶעהַאט פוּן נִישְׁט גוּטֶע חֲבֵרִים, עֶר הָאט גֶעוָואלְט זוּכְן אַ עֶרְלִיכֶער ווָאוּילֶער חָבֵר, צוּ דִינֶען אִינְאֵיינֶעם דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן. וָואס הָאט עֶר גֶעטוּהְן?

**בֶּערֶעלֶע** – עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

**זֵיידֶע** – זִיכֶער אַזוֹי, אַוַדְאִי הָאט עֶר גֶעמַאכְט אַ תְּפִלָּה אוֹיף דֶעם. שְׁפֶּעטֶער הָאט עֶר

אָנְגֶעפַּאנְגֶען קְלוּגֶערְהֵייט צוּ רֶעדְן מִיט דִי יוּנְגֶע בָּחוּרִים אִין זַיין עֶלְטֶער. עֶר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אַ בָּחוּר, לָאמִיר זָאגְן דֶער חַבֵר הָאט גֶעהֵייסְן יֶענְקְל, אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ רֶעדְן מִיט אִים שְׁטִיל פוּן נַארִישֶׁע זַאכְן, אוּן גֶעוַוארְט צוּ זֶען ווִי אַזוֹי יֶענְקְל וֶועט רֶעאַגִירְן. יֶענְקְל אִיז אָבֶּער מִיטְגֶעגַאנְגֶען מִיטְן שְׁמוּעֶס אוּן צוּגֶעלֵייגְט אוֹיךְ זַיינֶע נַארִישְׁקֵייטְן, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזֶען נַיין, דֶער בָּחוּר אִיז נִישְׁט גוּט פַאר מִיר! אַזוֹי אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּ נָאךְ אַ בָּחוּר אוּן אוֹיךְ גֶערֶעדְט מִיט אִים פוּן דִי שְׁטוּתִים פוּן דֶער וֶועלְט אוּן אוֹיךְ דֶער צְוֵוייטֶער אִיז מִיטְגֶעגַאנְגֶען אוּן הָאט צוּגֶעלֵייגְט זַיינֶע אֵייגֶענֶע שְׁטוּתִים, אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען מִיט עֶטְלִיכֶע בָּחוּרִים.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזֶעהְן אַז רוֹב קִינְדֶער אִין זַיין עֶלְטֶער זֶענֶען נִישְׁט גוּטֶע חֲבֵרִים פַאר אִים, בִּיז עֶר הָאט אָנְגֶעטְרָאפְן ר' שִׁימֶעלֶע. וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ רֶעדְן מִיט ר' שִׁמְעוֹן פוּן דִי אַלֶע פּוּסְטֶע נַארִישְׁקַייטְן אִיז ר' שִׁמְעוֹן גֶעבְּלִיבְּן שְׁטִיל אוּן עֶרְשְׁטוֹינְט, אוּן הָאט גֶעזָאגְט צוּם רֶבִּי'ן מִיט תְּמִימוּת, "אִיךְ וִויל נִישְׁט דִי אַלֶע נַארִישְׁקַייטְן, אִיךְ בִּין אַ גְלַייכֶער בָּחוּר אוּן אִיךְ וִויל גֵיין מִיט תְּמִימוּת!" וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעהֶערְט אִיז עֶר זֵייעֶר זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ גֶעוָוארְן אוּן הָאט אִים גֶעזָאגְט: "דוּ וֶועסְט זַיין מֵיין חַבֵר! אָט דָאס אִיז אַ גוּטֶער חַבֵר פַאר מִיר!" דֶעמָאלְט זֶענֶען זֵיי צוּזַאמֶען אַרוֹיס אִין פֶעלְד רֶעדְן אִינְאֵיינֶעם. דֶער רֶבִּי הָאט אִים בַּאווִיזְן אַבִּיסְל פוּן זַיין גְרוֹיסְקַייט אוּן ר' שִׁמְעוֹן אִיז גֶעוֶוען דֶער חַבֵר אוּן עֶרְשְׁטֶער תַּלְמִיד פוּן רֶבִּי'ן.

פַארְשְׁטֵייסְט, בֶּערֶעלֶע? מֶען מֵיינְט אַז אַ גוּטֶער חַבֵר אִיז אֵיינֶער מִיט וֶועמֶען מֶען קֶען מַאכְן אַ לֶעבְּן, עֶר לַאכְט מִיט, עֶר רֶעדְט וָואס אִיךְ ווִיל הֶערְן א.ד.ג. אָבֶּער דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אַז אַ גוּטֶער חַבֵר אִיז אֵיינֶער מִיט וֶועמֶען אִיךְ וֶועל וֶוערְן גוּט אוּן וואוֹיל אוּן עֶרְלִיכֶער וֶוען אִיךְ בַּאפְרֵיינְד זִיךְ מִיט אִים. עֶר לַאכְט נִישְׁט מִיט מִיר וֶוען אִיךְ זָאג אַ נִישְׁט שֵׁיינֶעם וָוארְט, אוּן עֶר וֶועט מִיר זָאגְן וֶוען אִיךְ טוּ נִישְׁט עֶפֶּעס רִיכְטִיג, דָאס אִיז אַן אֱמֶת'ער גוּטֶער חַבֵר!

**בֶּערֶעלֶע** – יְיַשֵׁר כֹּחַ זֵיידִי, אִיךְ הָאבּ קַיינְמָאל נִישְׁט גֶעווּאוּסְט דִי זַאךְ, הַלְוַאי זָאל אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַזַא גוּטֶער אוּן וואוֹילֶער חַבֵר.

אָהּ! אַשְׁרֵינוּ אַז מִיר הָאבְּן אַזַא רֶבִּי'ן, אַזוֹי ווִי ר' נָתָן הָאט גֶעזָאגְט:

"דִי תּוֹרָה הָאבְּן מִיר מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, קִיוּם הַתּוֹרָה וְויאַזוֹי עֶס הַיינְט צוּ מְקַיֵּים זַיין הָאבְּן מִיר בַּאקוּמֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן!!

"וואוֹיל אִיז דֶער וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ שְׁפִּירְן אַ זִיסְקֵייט אִין דִי תּוֹרָה, וַוייל עֶס אִיז דָא אַ זִיסְקֵייט אִין דִי תּוֹרָה,

דֶער עִיקָר אִיז צוּ זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן דִי נְעִימוּת וָואס לִיגְט אִין דִי תּוֹרָה"

(סוֹף תּוֹרָה ע"א ח"ב)




# ~ דִי דְרַייצְנְטֶע מַעֲשֶׂה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט

## 8 דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס

**(דָאס הָאט עֶר אוֹיךְ גִיזָאגְט).**

**אַז אִיךְ זָאל מֶער נִיט וִויסְן קֵיין שׁוּם זַאךְ.** נָאר דִי מַעֲשֶׂה וָואלְט אִיךְ אוֹיךְ אַ ווִילְד חִידוּשׁ גִיוֶוען. וָוארִין דִי מַעֲשֶׂה אִיז אֵיין ווִילְד חִידוּשׁ זֵייעֶר.

**סֶע אִיז אִין אִיר דָא זֵייעֶר פִיל מוּסָר.** אוּן אַסַאךְ תּוֹרָה. וָוארִין סֶע אִיז אִין דֶער מַעֲשֶׂה דָא אַ סַאךְ תּוֹרוֹת. אוּן זִי שְׁמוּסְט פוּן אַ סַאךְ צַדִיקִים קַדְמוֹנִים. פוּן דָוִד הַמֶּלֶךְ ע"ה.

**וָוארִין דָוִד הַמֶּלֶךְ אִיז גִישְׁטַאנֶען אִין עֶק וֶועלְט.** אוּן הָאט גִישְׁרִיגְן צוּ דֶעם קְוַואל וָואס סֶע גֵייט אַרוֹיס פוּן דֶעם שְׁטֵיין וָואס אוֹיף דֶעם בַּארְג כַּנַ"ל. אַזוֹי ווִי אִין תְּהִילִים שְׁטֵייט: "מִקְצֵה הָאָרֶץ אֵלֶיךָ אֶקְרָא בַּעֲטֹף לִבִּי בְּצוּר יָרוּם מִמֶּנִּי תַנְחֵנִי" וְכוּ'.

**דִי זַאךְ פוּן דָוִד הַמֶּלֶךְ.** דָאס קֶער צוּם דְרִיטְן טָאג. וָוארִין דָארְט שְׁמוּסְט פוּן דֶעם הַארְץ אוּן פוּן דֶעם קְוַואל. אִין דֶער מַעֲשֶׂה אִיז פַארְהַאנְדִין זֵייעֶר גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת הַתּוֹרָה.

**פוּן דֶעם אָנְהֵייבּ בִּיז אִין אוֹיסְלָאז.** אַלֶע מַעֲשִׂיוֹת פוּן דֶעם סֵפֶר זֶענֶען דוּרְךְ גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת הַתּוֹרָה. אִיטְלִיכְס וָוארְט אוּן אִיטְלִיכֶע זַאךְ מֵיינְט מֶען גָאר עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ.

**אוּן דִי מַעֲשֶׂה אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶע.**

**דִי מַעֲשֶׂה אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ דֶערְצֵיילִין.** נָאר וַוייל אִיךְ הָאבּ זִי שׁוֹין אָנְגְעהוֹיבִּן צוּ דֶערְצֵיילִין. מוּז אִיךְ זִי שׁוֹין אוֹיסְפִירִין.

**אִין דֶער מַעֲשֶׂה אִיז נִיט פַארְהַאנְדִין** אֵיין וָוארְט וָואס סֶע זָאל דְרִינֶען נִיט זַיין אַ כַּוָונָה. אוּן וֶוער סֶע אִיז אַ בָּקִי אוּן גִינִיט אִין סְפָרִים. קָאן עֶפֶּעס פַארְשְׁטֵיין. עֶפֶּעס ווִינְקֶען.

**אוּן דִי פֵּייִלִין וָואס דֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט** אַז עֶר קָאן פֵּייִלִין צוּרִיק צִיהֶען דָאס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק וְכוּ'. אוּן דִי צְדָקָה וָואס דָאס אִיז אַקֶעגִין דִי מוֹיעֶרִין פוּן וַואסֶער דָאס שְׁטֵייט אוֹיךְ אִין אַ פָּסוּק וְצִדְקָתְךָ כְּגַלֵּי הַיָּם. אוּן דִי צֶעהְן אִירְלֵיי דְפִיקִין אוּן צֶעהְן אִירְלֵיי נִגוּנִים. דָאס שְׁטֵיט אוֹיךְ אִין זוֹהַר. לוּשְׁמִיר וֶוער אוּן וֶוען אוּן וָואס. (וַוייטֶער הָאט עֶר שׁוֹין נִיט גִיזָאגְט. כְּלוֹמַר וֶוער זֶענֶען דִי אַלֶע. אוּן וָואס אִיז דָאס אוּן וֶוען אִיז דָאס אַלְץ גִיוֶוען. דָאס קָאן מֶען נִיט ווִיסִין).

**דֶעם אוֹיסְפִּיר פוּן דֶער מַעֲשֶׂה** דְהַיְינוּ וָואס סֶע אִיז גִיוֶוען אִין דֶעם זִיבֶּעטִין טָאג מִיט דֶעם בֶּעטְלִיר וָואס אָן פִיס. אוּן דֶעם אוֹיסְפִּיר פוּן דֶעם בֶּן מֶלֶךְ וָואס דֶערְפוּן הָאט זִיךְ אָנְגִיהוֹיבְּן דִי מַעֲשֶׂה. דָאס הָאט עֶר נִיט דֶערְצֵיילְט.

**אוּן עֶר הָאט גִיזָאגְט** עֶר וֶועט דָאס שׁוֹין נִיט דֶערְצֵיילִין. אוּן מֶע וֶועט דָאס שׁוֹין נִיט הֶערִין בִּיז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

לְכָבוֹד דֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב
שָׁבוּעוֹת לָאמִיר כַאפְּן אַ קְלֵיין שְׁטִיקְל שְׁפַּאצִיר
אִין דִי הֵיילִיגֶע לִיכְטִיגֶע שִׂיחוֹת פוּנֶעם רֶבִּי'ן אוּן זֶען וָואס
דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אוּן אִיז אוּנְז מְחַנֵךְ צוּ עוֹסֵק זַיין אִין דִי
הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן דִי אוֹפַּן ווִי אַזוֹי אוּן וָואס צוּ לֶערְנֶען.

שִׂיחָה י"ז: דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם: "פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט לֶערְנֶען? וָואס וֶועסְטוּ דֶערְלֵייגְן? דוּ וֶועסְט דָאךְ בַּאקוּמֶען עוֹלָם הַבָּא פַארְן לֶערְנֶען! דָאס דַארְף מֶען דָאךְ נִישְׁט זָאגְן אַז אוֹיבּ דִי תּוֹרָה וַוייזְט אַרוֹיס אִיר אַהֲבָה פַאר אֵיינֶעם דַארְף מֶען שׁוֹין גָארְנִישְׁט אוֹיף דֶער וֶועלְט - אֲפִילוּ נִישְׁט עוֹלָם הַבָּא נָאר דִי תּוֹרָה אַלֵיין!

שִׂיחָה י"ט: דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט חֵשֶׁק צוּ מַמְשִׁיךְ זַיין דִי וֶועלְט צוּ עֲשִׂיָה, דָאס מֵיינְט אַז יֶעדֶער אִיד זָאל זִיךְ מַאכְן אַ חִיוּב צוּ לֶערְנֶען כָּךְ וְכָךְ יֶעדְן טָאג. אֲפִילוּ מֶענְטְשְׁן וָואס לִיגְן נֶעבֶּעךְ פַארְזִינְקֶען אִין זֵייעֶרֶע עֲבֵירוֹת אוֹיבּ זֵיי וֶועלְן זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין אַ חִיוּב צוּ לֶערְנֶען אַזוֹיפִיל תּוֹרָה יֶעדְן טָאג, וֶועלְן זֵיי זִיכֶער זוֹכֶה זַיין אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן אַלֶע זֵייעֶרֶע שְׁלֶעכְטְ'ס דוּרְךְ דִי תּוֹרָה, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז מוֹרָא'דִיג גְרוֹיס.

שִׂיחָה כ"ו: דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז מְחַזֵּק גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען אֲפִילוּ מְ'שְׁפִּירְט אַז מֶען פַארְגֶעסְט וָואס מְ'לֶערְנְט. וַוייל דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער בַּאצָאלְט אוֹיף יֶעדְן טָאג וָואס מֶען לֶערְנְט אֲפִילוּ מְ'פַארְגֶעסְט. לֶעָתִיד וֶועט מֶען דֶערְמַאנֶען דֶעם מֶענְטְשׁ אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט, אוֹיךְ דִי תּוֹרָה וָואס מְ'הָאט גֶעהֶערְט פוּנֶעם צַדִּיק אוּן נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען דָא, וֶועט מֶען אִין עוֹלָם הַבָּא זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין! וואוּיל פַאר דֶער וָואס פַארְבְּרֶענְגְט זַיינֶע טֶעג מִיט תּוֹרָה וַעֲבוֹדָה!

שִׂיחָה כ"ג: סְ'אִיז אַ גְרוֹיסֶע רַחֲמָנוּת אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וֶועלְכֶע קוּמֶען אַרוֹיף אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט אָן קַיין שׁוּם לְבוּשׁ, אַ בֶּגֶד פוּן תּוֹרָה וּמִצְוֹת, וַוייל נָאר דוּרְךְ תּוֹרָה וּמִצְוֹת הָאט מֶען קְלֵיידוּנְג אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ דַאן אָנְגֶערוּפְן: "וואוּיל פַאר דֶער וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ עֶסְן אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אוּן טְרִינְקֶען אַפָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִים אוּן זִיךְ אָנְטוּן מִיט אַפָּאר מִצְוֹת!

שִׂיחָה כ"ח: סְ'אִיז רָאוּי אַז אַ מֶענְטְשׁ ווִילַאנְג עֶר לֶעבְּט זָאל אַרִיבֶּער גֵיין אוֹיף אַלֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים, כְּדֵי עֶר זָאל אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט קֶענֶען זָאגְן אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין דִי אַלֶע פְּלֶעצֶער אִין דִי אַלֶע סְפָרִים

שִׂיחָה כ"ט: דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר גֶעוָוארְנְט מֶען זָאל לֶערְנֶען "פּוֹסְקִים" צוּ לֶערְנֶען אַלֶע פִיר חֲלָקִים פוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹיפְן סֵדֶר, אוֹיבּ מֶען קֶען אִיז בֶּעסֶער מִיט דִי מְפָרְשִׁים אוֹיבּ נִישְׁט זָאל מֶען לְכָל הַפָּחוּת לֶערְנֶען מִיט בְּאֵר הֵיטֵב.

אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט קַיין צַייט זָאל מֶען לְכָל הַפָּחוּת לֶערְנֶען אֵיין סְעִיף שֻׁלְחָן עָרוּךְ אֲפִילוּ

המשך אויף לעצטן בלאט

# די גורלות אויף בעטלערס נומער 7 און נומער 8
# וועט פארקומען בעז"ה נאך שבועות

## צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל,
## 02-5-3333-72
## 646-585-3040

# בחינה אויף ספורי מעשיות

## די דרייצנטע מעשה (8) - פון די זיבן בעטלירס (רמזי המעשיות)

**א. איז געווען גרינג פאר'ן רבי'ן צו דערציילן די מעשה פון די זיבן בעטלערס?**

- ❑ גרינג
- ❑ שווער
- ❑ זייער שווער

**ב. איז אין די מעשה דא א כוונה אין יעדן ווארט אדער נאר אין יעדן ענין?**

- ❑ אין יעדן ווארט
- ❑ אין יעדן ענין
- ❑ אין יעדן בלאט

**ג. וואס פון די מעשה האט דער רבי נישט דערציילט?**

- ❑ וואס ס'איז געווען די זיבעטע טאג
- ❑ וואס איז געווארן מיט דער בן מלך וואס מ'האט אים איבערגעגעבן די מלוכה
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ד. וואס זאגט דער רבי אויב וואלט ער נאר געוואוסט די מעשה?**

- ❑ ער האט נישט גערעדט פון דעם
- ❑ וואלט איך אויך געווען א חידוש
- ❑ וואלט איך אויך א ווילד חידוש געווען

**ה. וואס האט דער רבי געזאגט אויף די מעשה?**

- ❑ אז ס'איז א חידוש
- ❑ אז ס'איז א ווילד חידוש
- ❑ אז ס'איז זייער א ווילד חידוש

**ו. וואס זאגט דער רבי אז ס'איז דא אין די מעשה?**

- ❑ אסאך תורות
- ❑ זייער פיל מוסר
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ז. אויף וועלכע צדיק האט דער רבי געזאגט אז ער איז מרומז אין דער דריטער טאג?**

- ❑ דוד המלך ע"ה
- ❑ שלמה המלך ע"ה
- ❑ שאול המלך ע"ה

**ח. מיט וועלכע זאך זאגט דער רבי אז ער איז מרמז אויף דעם צדיק?**

- ❑ די קוואל
- ❑ די הארץ פון דער וועלט
- ❑ דער אמת'ער איש חסד

**ט. אויף וועלכע מעשה זאגט דער רבי אז ס'איז גרעסער פון אלע מעשיות וואס ער האט דערציילט?**

- ❑ די מעשה פון חכם ותם
- ❑ די מעשה פון בעל תפלה
- ❑ די מעשה פון די זיבן בעטלערס

**י. בונוס: אין וועלכע קאפיטל פון תהלים איז מרומז סודות פון די מעשה?** (קוק אריין אין די רמזים אויף לשה"ק)

- ❑ אין קאפיטל ס'
- ❑ אין קאפיטל ס"א
- ❑ אין קאפיטל פ"א

**יא. בונוס: אין וועלכע ווערטער איז מרומז דער אמת'ר איש חסד?** (קוק אריין אין די רמזים אויף לשה"ק)

- ❑ ימים על ימי מלך
- ❑ חסד ואמת מן ינצרהו
- ❑ כן אזמרה שמך לעד

**יב. וויפיל מאל איז דא די ווארט שמחה \ פרייליך וכד' אין די מעשה?**

- ❑ 40
- ❑ 49
- ❑ 148

**יג. וויפיל מעשיות איז דא אין סיפורי מעשיות?**

- ❑ 12
- ❑ 13
- ❑ 14

**יד. וואס איז דער סדר פון די מעשיות?**

- ❑ זיבן בעלטלערס
- ❑ אבידת בת מלך
- ❑ חכם ותם
- ❑ רב ובן יחיד
- ❑ בעל תפילה
- ❑ מלך ענו
- ❑ בן מלך שהיה מאבנים טובות
- ❑ החיגר
- ❑ מבערגער ועני
- ❑ מזבוב ועכביש
- ❑ בן מלך ובן שפחה שנתחלפו
- ❑ מלך שגזר שמד
- ❑ ממלך וקיסר

**טו. בונוס: אויף וועמען זאגט דער רבי אז ער ווערט אויך אנגערופן בת מלך?** (קוק אריין אין שיחות הר"ן רע"ג)

- ❑ די גרויסע צדיקים
- ❑ די תלמידי חכמים
- ❑ די הייליגע נשמה פון יעדן איד

**טז. בונוס: דורך וואס איז דער עיקר רפואה פון די בת מלך?** (קוק אריין אין שיחות הר"ן רע"ג)

- ❑ דורך נגינה
- ❑ דורך שמחה
- ❑ דורך נגינה און שמחה

?

המשך פון זייט 10

נִישְׁט אוֹיפְן סֵדֶר, וֶוען עֶר וֶועט הָאבְּן צֵייט זָאל עֶר לֶערְנֶען וַוייטֶער אוֹיפְן סֵדֶר וִוי מְ'הַאלְט.

שִׂיחָה ס"ב: אוֹיבּ דִי מַחֲשָׁבָה אִיז זִיךְ מְצַמְצֵם צוּ טְרַאכְטְן פוּן אֵיין זַאךְ הָאט עֶס אַ גְרוֹיסֶע כֹּחַ צוּ פּוֹעֶלְ'ן עֶס זָאל טַאקֶע אַזוֹי גֶעשֶׁען – אַזוֹי אוֹיךְ בַּיים לֶערְנֶען תּוֹרָה, אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ מַאכְן אַ סֵדֶר אִין מֹחַ וִויפִיל עֶר וִויל אָנְיָאגְן אוּן עֶר וֶועט גְלוֹיבְּן צוּ דֶעם אוּן אַסַאךְ טְרַאכְטְן פוּן דֶעם, וֶועט עֶר טַאקֶע זוֹכֶה זַיין עֶס זָאל זַיין אַזוֹי!

שִׂיחָה ע"ו: דִי הֵיילִיגֶע שִׂיחָה אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע יְסוֹד אִין דֶרֶךְ הַלִּמּוּד וָואס דֶער הֵיילִיגֶע רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז וִויאַזוֹי אַ אִיד קֶען לֶערְנֶען מִיט אַ חֵשֶׁק אוּן זְרִיזוּת אוּן נִישְׁט וֶוערְן מְבֻלְבָּל בְּשַׁעַתְ'ן לֶערְנֶען פוּן אֵיין עִנְיָן צוּם צְוֵוייטְן, נָאר בִּפְשִׁיטוּת זֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען לֶערְנְט אוֹיפְן פְּלַאץ אוּן אוֹיבּ מַאכְט זִיךְ צוּמָאל אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט זָאל מֶען נִישְׁט בְּלַייבְּן שְׁטֵיין צוּ לַאנְג נָאר לֶערְנֶען וַוייטֶער, ווייל גֶעוֶוענְלִיךְ וֶועט עֶס קְלָאר וֶוערְן שְׁפֶּעטֶער אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט וַוייטֶער בִּזְרִיזוּת. דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט אַז מֶען זָאל זָאגְן דִי דִּבּוּרֵי הַתּוֹרָה כְּסֵדֶר אוּן מֶען וֶועט מִמֵּילָא פַארְשְׁטֵיין. דֶער עִיקָר אִיז נִישְׁט צוּ מְבַלְבֵּל זַיין דֶעם מֹחַ בַּיים אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען צוּ וֶועלְן תֵּיכֶף פַארְשְׁטֵיין וָואס דָאס אִיז גוֹרֵם אַז מֶען שְׁטֶעלְט זִיךְ אָפּ אוּן מְ'פַארְשְׁטֵייט גָארנִישְׁט, מֶען דַארְף נָאר אַרַיינְלֵייגְן דִי מֹחַ אִינֶעם לֶערְנֶען אוּן וַוייטֶער גֵיין בִּזְרִיזוּת אַזוֹי וֶועט מֶען מִמֵּילָא פַארְשְׁטֵיין!

אַזוֹי קֶען יֶעדֶער אִיד אַרִיבֶּערְגֵיין דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה. עֶס אִיז כְּדַאי צוּ לֶערְנֶען גוּט דִי שִׂיחָה אוּן זֶען וִויאַזוֹי אִיךְ קֶען פָּאלְגְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן זִיךְ אָנְהֵייבְּן בַּאנַייעְן מִיט חֵשֶׁק אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.











טייערע קינדער

**מזל טוב**

צום סיום פון הייליגן

## ספר סיפורי מעשיות

נאך שבועות וועט מען בעזה"ה קענען קויפן קארטלעך

פארן סיום וואס וועט פארקומען אי"ה

ראש חודש תמוז אין בית שמש